STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04967

DI IDN IN SOVETN-FARBAND

Chaim Zhitlowsky

Permanent preservation of this book was made possible
by William & Marjan Carasik
in honor of
David M. & Gussie A. Schneider

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. חיים זשיטלאָווסקי

די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד



די לעצטע אַרבעט פון דר. חיים זשיטלאָווסקי פאַר זיין טויט

פרייז 5 סענט

Published by the ICOR ASSOCIATION
1 Union Square West
New York, 3, N. Y.

209

●

דר. חיים זשיטלאָווסקי

געבוירן דעם 11טן אַפּריל, 1865, אין אַושאַטי,
וויטעבסקער, גובערניע, רוסלאַנד.

געשטאָרבן דעם 6טן מאַי, 1943, אין קאַלגאַרי,
קאַנאַדע.

●

אַרויסגעגעבן פון „איקאָר“

1943

לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1939 זיינען אין סאָוועטנלאַנד געוועז איבער דריי מיליאָן אידן (3,020,000). מען רעכנט, אז נאָך אן ערך צוויי מיליאָן זיינען אריבערגעקומען קיין סאָוועטנלאַנד פון די אוקראַינישע און ווייסרוסישע געגנטן, וואָס האָבן געהערט צו פוילן, ווי אויך פון די „לימיטראָפישע" לענדער: ליטע לאַטוויע און עסטאָניע. אזוי ארום האָט ביז צו דייטשלאַנד'ס אָנפאַל אויף סאָוועטנלאַנד די אידישע באַפעלקערונג געציילט בערך א פינף מיליאָן נפשות.

ביז צו יענעם אָנפאַל האָט דעריבער אין סאָוועטנלאַנד געוואוינט דער גרעסטער קיבוץ פון דעם אידישן פאָלק, באַלד א גאַנץ דריטל זיינער. דער צווייט־גרעסטער קיבוץ איז געוועזן דאָ, אין די שטאַטן. דאָס אידישע פאָלק האָט געאָגראַפיש געלעבט דער עיקר אין די סאָוועטן און אין די שטאַטן. מער ווי א דריטל פון אונזער פאָלק איז געוועזן צעוואָרפן איבער דער גאָרער וועלט. דער גרעסטער טייל פון אָט־דעם דריטל האָט אָבער געלעבט אין מערב־אייראָפּע.

וויפיל אידן עס וועלן בלייבן אין מערב־אייראָפּע — אריינגערעכנט פוילן — נאָך היטלער'ס אויסראָטונגס־פּאָליטיק, קאָן מען ניט וויסן. איבער די מערב־ און דרום־אייראָפּייאישע אידן — א חוץ ענגלאַנד — הענגט נאָך אַלץ די סכנה פון דעם פולן פאַרשווינדן.

די זעלביגע סכנה הויערט נאָך איבער די אידן אין יענע געגנטן פון סאָוועטנלאַנד, וועלכע היטלער האָט פאַרכאַפּט — דער עיקר אין דער גרעסערער אוקראַינע און דער גרעסערער ווייסרוסלאַנד. אָבער וויפיל קינדער פון אונזער פאָלק עס זאָלן אין אָט־די סאָוועטן־לענדער ניט פאַלן ווי קרבנות פון היטלער'ס בעסטיאַלישן אידנהאַס, וועט נאָך דעם איצטיגן וועלט־קריג און נאָך דער פולסטער מפּלה פון דעם פאַשיזם־נאַציזם אַלץ בלייבן אין סאָוועטנלאַנד א פיל־מיליאָניגע אידישע באַפעלקערונג, אפשר די ערשט־גרעסטע, אפשר די צווייט־גרעסטע נאָך די היגע שטאַטן.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס לעבן פון אָט דעם פּיל־מיליאָניגן שבט פון אונזער פאָלק?

קודם דאַרפן מיר האָבן אין אויג די פראַגע פון אידישער זיכערקייט מיטן לעבן, מיט אידישן כשר־פאַרדינטן האָב־און־גוטס. דערנאָך קומט די פראַגע פון אַ רואיג אידישן לעבן, אָן אומגעשטערטן דורך פּילצאָליגע און פּיל־אַרטיגע נגישות און פאַרפאָלגונגען מצד דער ניט־אידישער באַפעלקערונג — פאַרפאָלגונגען און דיסקרימינאַציעס, אָנגעהויבן מיט באַליידיגן אונזער נאָמען, מיט ניט וועלן וואוינען אין איינעם מיט אונז אין אַ אידישער געגנט, מיט וועלן האַלטן אונז געזעלשאַפטלעך „מחוץ למחנה", מיט שעדיגן אונז עקאָנאָמיש, וואו נאָר מעגלעך, ביז אויסשליסלנדיגע געזעצן, ביז פּאָגראָמען אויף אידישן האָב־און־גוטס, ביז שחיטות אויף אידישע לעבנס, — קורץ דאָס אַלץ, וואָס ווערט פון די דייטשע אידן אַרומגענומען מיט דעם נאָמען „רשעות" און טראָגט אין דער וועלט דעם אומעטום־באַקאַנטן נאָמען: אַנטי־סעמיטיזם, וואָס איז אויך אונז, אידן, רעכן איך, ניט אין גאַנצן פרעמד.

די דריטע פראַגע, וואָס מיר מוזן האָבן אין אויג, איז דער מעמד פון דעם אידישן עקאָנאָמישן וואוילזיין און די זיכערקייט פון דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, פון דעם „קיום הנפש", אָדער די „פרייהייט פון נויט", ווי דאָס ווערט אָנגערופן אין דעם „אַטלאַנטישן טשאַרטער" פון רוזוועלט און טשוירטשיל.

און די פערטע פראַגע איז — וועגן די שאַנסן פון דער אידישער באַפעלקערונג ניט נאָר אויף דעם „קיום הנפשות", נאָר אויך אויף דעם „קיום הלאום", אויף צו דערהאַלטן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט און אויף צו אַנטוויקלען אַן אייגן אידיש קולטורעל און גייסטיג לעבן.

האָט מען, ביי דעם אָפּשאַץ פון דעם סאָוועטיש־אידישן לעבן, אָט די אַלע פראַגן אין אויג און וואַרפט מען אַ פאַרגלייכנדיגן בליק מיט דעם אידישן לעבן און דער אידישער לאַגע אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט, מוז מען קומען צו דעם שלום, אַז קיין אידישער קיבוץ קאָן זיך ניט פאַרגלייכן מיט דעם אידישן קיבוץ אין סאָוועטנלאַנד.

סיי אין פּרט פון זיכערקייט מיט דעם אייגענעם לעבן און מיט

דעם אייגענעם כשר־פאַרדינטן האָב־און־גוטס, סיי אין פּרט פון רו און זיכערקייט מצד די אַדער יענע אַנטיסעמיטישע אַרויסווייזונגען, סיי אין פּרט פון „פרייהייט פון נויט", סיי אין פּרט פון גינסטיגע שאַנסן פאַר דערהאַלטן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט און אַנטוויקלען אַן אייגענע קולטור, שטייט די סאָוועטישע אידנשאַפט אויף דער העכסטער מדרגה אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע אידישע קיבוצים. אין אַט די אַלע פיר קאַרדינאַלע פונקטן פון אונזער פאָלקס־לעבן איז דאָס אידישע לעבן אין סאָוועטנלאַנד — דאָס גליקלעכסטע.

* * *

לאָמיר אָנהויבן מיט דעם „קיום הנפש", מיט דער זיכערקייט פון פּאָגראָמען און שחיטות, און אויך מיט דעם צווייטן פונקט פון אונזערע פיר, מיט דער זיכערקייט מצד דעם אַנטיסעמיטיזם. עס איז דאָך קלאָר: דאָרטן, וואו עס איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם, קאָן ניט זיין קיין רייד אויך וועגן אידישע פּאָגראָמען און שחיטות.

אין סאָוועטנלאַנד איז דער אַנטיסעמיטיזם אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען. שפּרינגט פון ערגעץ־וואו אַרויס אַ שוואַכער נאָכ־יאָוקס פון אַ פאַרבליבענעם אַנטיסעמיטישן קערנדל, ווערט דער נאָכוואָוקס תיכף אויסגעריסן און פאַרברענט. זיינען נאָך ערגעץ־וואו פאַרבליבן אַלטע, האַלב־צעפוילטע פּניאָקעס פון דעם גרויסן אַלט־צאַריסטישן אַנטיסעמיטישן וואַלד, בלייבן זיי פאַרוואָרפענע, פאַרדעקטע, אָן אַ ברעקל שאַנס צו ברענגען שאָדן ווען עס איז.

ווי אַזוי איז דער אַנטיסעמיטיזם אויסגעוואָרצלט געוואָרן אין סאָוועטנלאַנד, ווי אין קיין אַנדער לאַנד פון דער וועלט?

אין אַן אַנדער אָרט — אין אַן אַרטיקל אינעם „ניילעבן" פון פעברואַר 1943 — האָב איך מיך געמיט צו באַווייזן, אַז אין סאָ־וועטנלאַנד איז דער אַנטיסעמיטיזם אויסגעוואָרצלט געוואָרן, „אַ דאַנק דעם אויסבוי פון צווישנפעלקערלעכער ברידערלעכקייט אויף דעם יסוד פון סאָציאַלער גלייכקייט און גערעכטיגקייט". אין יענעם אַרטיקל האָב איך געבראַכט די אידישע איבערזעצונג פון יענעם סאָוועטישן דעקרעט פון 27טן יולי, 1918, וואָס פאַרווערט דעם אַנטיסעמיטיזם. ער לייענט זיך אַזוי:

„אַנטיסעמיטיזם און די פּאָגראָמען אויף אידן זיינען אַ געפאַר

פֿאַר דער רעוואָלוציע פֿון די אַרבעטער און פּויערים. דער גאַנצער אַרבעטעראָרישער פֿאָלק פֿון סאָציאַליסטישן רוסלאַנד ווערט אויפֿגעפֿאָדערט צו באַקעמפֿן אָט־די דערשיינונגען מיט אַלע מיטלען.

„אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַטיווער סאָוועטן־רעפּובליק, וואו עס איז דערקלערט געוואָרן דער פּרינציפּ פֿון זעלבסט־באַשטימונג פֿאַר די אַרבעטאָרערס פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אַ וועלכער עס איז נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. די אידישע בורזשואַ זיינען אונזערע פֿיינט ניט ווי אידן, נאָר ווי בורזשואַ. דער אידישער אַרבעטער איז אונזער ברודער.

„יעדע אויפֿרייצונג אַנטקעגן אַ וועלכער עס איז נאַציע איז אַ שאַנד און טאָר ניט דערלאָזן ווערן. דער סאָוועט פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן פֿאָדערט אויף אַלע סאָוועטן, אָנצונעמען די מעגלעכסט־שטרענגסטע מיטלען, כדי אין גאַנצן צו אויסיעטן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. פּאָגראָמשטשיקעס און פּאָגראָם־אַגיטאַטאָרס דאַרפֿן אַוועקגעשטעלט ווערן דרויסן פֿון געזעץ.“

אייגנטלעך וואָלט אַ געזעץ אַנטקעגן „יעדער אויפֿרייצונג אַנטקעגן אַ וועלכן עס איז פֿאָלק“ געקאָנט אָנגענומען ווערן אויך אין קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישע שטאַטן, אויב די דאָרטיגע הערשנדיגע קלאַסן זאָלן ניט זיין פֿאַראינטערעסירט אין אויפֿרייצן די אָדער יענע נאַציאָנאַלע אָדער ראַסישע לײַדנשאַפֿטן ביי די מאַסן, כדי אָפּצוציען זייער אויפֿמערק פֿון זייערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע ווייטאָגן. אין אונזער היגער אידישער עפֿנטלעכקייט איז שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק, וואָס זאָל שטרעבן, אַז אויך דאָ אין לאַנד זאָל דער אַנטיסעמיטיזם געזעצלעך פֿאַרווערט ווערן.

די שטרעבונג, אַז אַזעלכע געזעצן — מיט אויסדריקלעך דערמאָנען דעם אַנטיסעמיטיזם, צי אָן דעם — זאָלן אָנגענומען ווערן אין יעדן דעמאָקראַטישן לאַנד, צוליב די אינטערעסן פֿון דעם גאַנצן לאַנד, — איז זיכער אַ גאַנץ נוצלעכע זאַך. אָבער דערהאָפֿן פֿון אַזעלכע געזעצן, אַז זיי זאָלן אויסרייסן מיט די וואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם, קאָן מען ניט.

אַפּילו אין דעם אַרבעטאָרישן סאָוועטנלאַנד איז דער שאַרפֿער דעקרעט אַנטקעגן דעם אַנטיסעמיטיזם ניט געווען גענוג אויף אויסצורייסן אים מיט די וואָרצלען.

אין דעם אויבן־דערמאָנטן אַרטיקל אינעם „נײַלעבן“ האָבן מיר זיך מער באריכות אָפּגעשטעלט אויף יענעם ענטפֿער אויף דער

אידן־פראגע, וואָס סאָוועטנלאַנד האָט געגעבן דורך דער סיסטע־
מאַטישער דורכפירונג פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אַלע
פעלקער פון דעם לאַנד, און דורך דעם, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג
וויל האָבן צו טאָן מיט דער אידנשאַפט, ווי אַ פאָלקס־איינהייט, און
ניט מיט דעם „אידנטום", ווי אַ רעליגיעזן גלויבן.

אָט די דורכאויסיגע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג, די גלייכ־
באַרעכטיגונג פון אַלע שפּראַכן, פאַרבונדן מיט דער אָפּשאַפונג פון
אַ וועלכער עס איז „הערשנדיגער" שפּראַך פאַרן גאַנצן לאַנד, איז
זיכער גאָר אַ גרויסער טריאומף פון דעם פּראָגרעסיוון דעמאָקראַטישן
געדאַנק.

אָט־די פולסטע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג און זעלבסט־
באַשטימונג טאָר אָבער ניט באַטראַכט ווערן, ווי נאָר די באַשאַפונג
פון „גלייכע געלעגנהייטן" („איקוועל אָפּאָרטיוניטיס") פאַר אַן איי־
גענער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. דאָס איז פיל מער, איידער „גלייכע
געלעגנהייטן". דער סאָוועטישער שטאַט שטרעבט צו געבן יעדן
פאָלק גלייכע מעגלעכקייטן, צו דערהאַלטן זיך ווי אַ פאָלק און צו
אַנטוויקלען אייגענע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען, אין די ראַמען פון
דער אַלגעמיינער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און יורידישער געזעצגעבונג
פון דעם לאַנד.

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן „גלייכע געלעגנהייטן" און
„גלייכע מעגלעכקייטן"?

רעדנדיג וועגן די עקאָנאָמישע „איקוועל־אָפּאָרטיוניטיס" דאָ
אין לאַנד, האָב איך אַמאָל דערקלערט דעם ענין פון „גלייכע גע־
לעגנהייטן" מיט אַזאַ ביישפּיל:

אין דעם אָנהייב פון אַן אבסאָלוט־אָפענעם ברייטן וועג שטעלט
מען אויס אין איין גלייכער ליניע איינעם אין אַן אויטאָמאָביל,
איינעם מיט אַ פערד־און־וועגעלע, איינעם אַ פוסגייער און איינעם
אַ מאַן אויף קוליעס. און מען זאָגט זיי: „איצטער האָט איר אַלע
גלייכע געלעגנהייטן; דער וועג איז אָפן און ברייט פאַר אייך
אַלעמען צוגלייך. טוט זיך אַ יאָג, וואָס איינער קאָן! ווער עס וועט
וועמען מער אַריבעריאָגן, וועט האָבן מער דערגרייכט."

די זעלביגע „גלייכע געלעגנהייטן" פאַר דער נאַציאָנאַלער עק־
זיסטענץ און פאַר דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג האָבן די פאַר־

שיידענע פעלקער אין יעדן דעמאָקראַטישן לאַנד. אָבער אויך אויף אָט דעם וועג הענגען די נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען אָפּ ניט פון די „געלעגנהייטן", נאָר פון די פאַרשיידענע „מעגלעכקייטן". אַ פאָלק „אויף קוליעס" קאָן ניט האָבן די זעלביגע מעגלעכקייטן פאַר זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, ווי אַ פאָלק, וואָס פאָרט אין אַן אויטאָמאָביל.

די נאַציאָנאַלע גלייכבארעכטיגונג איז אין סאָוועטנלאַנד געבויט ניט אויף דעם יסוד פון „איקוועל אָפּאָרטיוניטיס", נאָר פון „איקוועל פּאָסיבּיליטיס", פון „גלייכע מעגלעכקייטן". דער שטאַט שטרעבט צו העלפן, מיט אַלע זיינע מיטלען, יעדן פאָלק, עס זאָל קאָנען אויפהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן יש און דערגרייכן אַלץ העכערע שטופן אין זיין קולטורעלער אַנטוויקלונג.

באַזונדערס באַדייטפול איז אין אָט־דעם פרט די הילף, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט געגעבן און גיט אונזער אידישן פאָלק, וואָס איז אין דעם צאַרישן רוסלאַנד, ווי אין אַ סך אַנדערע לענדער, געווען און איז — נאַציאָנאַל „אַ פאָלק אויף קוליעס".

ניט נאָר די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע גלייכבארעכטיגונג האָט געגעבן דעם אידישן פאָלק די מעגלעכקייט צו שטעלן זיך נאַציאָנאַל אויף די אייגענע פיס. כדי דאָס אידישע פאָלק אויסצוגלייכן מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון סאָוועטנלאַנד אין מעגלעכקייטן פאַר אַ זעלבסטשטענדיג־נאַציאָנאַלן לעבן, האָט די סאָוועטישע רעגירונג אָפּגעשאַפט יענעם אונטערשייד, וואָס האָט געהערשט צווישן אונז און די אַנדערע פעלקער אין דעם פרט פון אַ נאַציאָנאַלן לעבן.

אַלע פעלקער אין דעם לאַנד זיינען אויך איידער דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געווען אַרבעטאָרישע פעלקער. מיר זיינען געווען אין דער מאַיאָריטעט אַ הענדלער־פאָלק, אַ קליין־קרעמער־פאָלק און מיט אַ גרויסן פּראָצענט פון „לופט־מענטשן".

אַלע פעלקער אין דעם לאַנד, — אָדער כמעט אַלע גרעסערע פעלקער, — האָבן געוואוינט און וואוינען מער אָדער ווייניגער קאָנצענטרירט אין זייערע געגנטן אָדער טעריטאָריעס. דעריבער זיינען זיי געווען מסוגל גלייך נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע צו געניסן די רעכט אויף אַ נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע.

אידן אָבער האָבן אַזאַ אייגענע טעריטאָריע און אייגענע קאָנצענטרירטע ישובים ניט געהאַט.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט דעריבער געגעבן אונזער פאָלק די מעגלעכקייט און די פולסטע געזעלשאַפטלעכע, יורידישע און מאַטעריעלע הילף קודם איבערצובויען דעם עקאָנאָמישן צונויפשטעל פון אונזער פאָלק, אויך מיר זאָלן ווערן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אַ דורכאויס־אַרבעטאָרישער פאָלק.

דערנאָך האָט די רעגירונג אַרויסגעשיידט פון די סאָוועטישע ערד־פאָנדן אַ פאָר ראַיאָנען פאַר ריין־אידישע קאָנצענטרירטע ישובים, וואו אידן האָבן די מעגלעכקייט אויסצובויען אַן אייגענע אָרטיגע אויטאָנאָמיע מיט אייגענע סאָוועטן.

אָבער ניט נאָר אידישע ראַיאָנען, וואָס זיינען, ווי אינזלען אין אַנדערע רעפובליקן פון דעם לאַנד, האָט די סאָוועטישע רעגירונג אונז געגעבן. כדי אין אַלע פּרטים אויסצוגלייכן אונז מיט די גרעסערע פעלקער, איז פאַר אונז אויסגעטיילט געוואָרן אַ גרויסער שטח לאַנד אין דער רייכער אַמורער געגנט, אויף אויסצובויען אַן אויטאָנאָם־אידישע רעפובליק, — ביראָ־בידזשאַן, וואָס האָט שוין די רעכט פון אַ אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע, וואָס שיקט שוין איצטער צוויי דעלעגאַטן אין דעם העכערן הויז פון דער סאָוועטישער פאָלקס־פאַרטרעטונג.

אָבער ניט נאָר אין די אידישע ראַיאָנען פון אוקראַינע און קרים און ניט נאָר אין דעם אידישן לאַנד אין בירָאָ־בידזשאַן באַקומט אונזער פאָלק די הילף פון דעם שטאַט אויף צו בויען אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן און אַן אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור אין אידיש.

אויך אין יענע געגנטן און רעפובליקן פון דעם לאַנד, וואו אידן לעבן צעשפּרייט, ווי מינאָריטעטן, ווערט זיי געגעבן די מעגלעכקייט און די שטאַטלעכע הילף פונאַנדערצעוויקלען אַן אייגן אידיש לעבן אין דער אייגענער אידישער שפּראַך.

די רעגירונג האַלט אויס אַלערליי אַרטן אידישע שולעס, — פון די פאָלק־שולעס, מיטל־שולעס, טעכניקומס, ביז אידישע אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן ביי אַ פאָר אוניווערזיטעטן.

אויף דעם חשבון פון דער צענטראַלער רעגירונג ווערן אויס־

געהאלטן אידישע טעאטערן, — אויך דער העברייאישער טעאטער, די „הבימה“, איז אויסגעהאלטן געוואָרן פון דער רעגירונג, — און עס ווערן אויסגעהאלטן טעאטראַלישע שולעס.

די רעגירונג גיט אַלע פאַרלאַנגטע מיטלען אויף אַרויסצוגעבן אידישע צייטונגען, אידישע זשורנאַלן, אידישע בראָשורן און ביכער אין אַלע יענע צווייגן פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, אין וועלכע עס באַטייליגט זיך די באַשאַפערישע טעטיגקייט אין אידיש.

און דאָרטן, וואו אידן שטעלן מיט זיך פאַר אַ היפשן פראָצענט פון אַ וועלכער עס איז מוניציפּאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, ווערט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אויסצובויען אייגענע געריכט־הייזער, וואו סיי די אָפּיציעלע פאַרהאַנדלונגען, סיי די אַנטשיידונגען, — וואָס האָבן די פולסטע יורידישע קראַפט, — ווערן דורכגעפירט אין אידיש.

אין זיין בוך: „דאָס באַנייטע פאָלק“, גיט ל. זינגער אַזאַ איבערבליק איבער די מאָסמיטלען, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט דורכגעפירט, כדי צו פאַרענטפערן די אידן־פראַגע. ער שרייבט:

„דאָס אויסטיילן דעם בירא־בידזשאַנער ראַיאָן כדי צו באַזעצן אים דורך אַרבעטנדיגע אידן און שפּעטער די פאַרוואַנדלונג פון דעם דאָזיגן ראַיאָן אין אַ נאַציאָנאַלן אויטאָנאָמען איינס — אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט — האָט אייגנטלעך באַטייט, אַז דער קרייז מאָסמיטלען, וואָס די פּאַרטיי און רעגירונג האָבן אין משך פון אָנדערהאַלבן יאָרצענדליג דורכגעפירט אויף דעם געביט פון לייזן די אַזוי־אָנגערופענע „אידן־פראַגע“, איז פאַרענדיגט.

„די פולשטענדיגע ליקווידירונג פון דער פריערדיגער רעכט־לאָזיגקייט;

„דער אומ׳רחמנות׳דיגער קאַמף געגן אַלערליי אַנטפּלעקונגען פון אַנטיסעמיטיזם;

„די אויסטיילונג פון דורכאויסיגע ערדמאַסיוון פאַר דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער איינאָרדענונג אין אוסס״ר (דער אוקראַאינישער רעפּובליק—ה. זש.) און אין דער קרימער סס״ר;

„די אויסבילדונג פון נאַציאָנאַל־אידישע אַדמיניסטראַטיווע ראַיאָנען אין די דאָזיגע צוויי רעפּובליקן;

„די ווירטשאַפטלעכע איינאָרדענונג פון די שטעטלעך אין אוסס״ר (אוקראַאינעש רעפּובליק—ה. זש.), ווסס״ר (ווייס־רוסישע רעפּובליק) און אין דער געוועזענער מערב־געגנט פון רספס״ר (דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד—ה. זש.);

„די פּלאַנמעסיגע אַריינציאונג פון דער אידישער יוגנט אין די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און אויף די בויאונגען;

„די גרינדונג פון אַ פאַרצווייגטער נעץ שולן און אַנשטאַלטן פאַר אַלגעמיינער בילדונג אויף דער מוטער־שפּראַך —

„אַזאַ איז אין קורצן אַט דער קרייז מאַסמיטלען, וואָס זיינען ענערגיש און דערפאָלגרייך פאַרווירקלעכט געוואָרן. דאָס אויס־בילדן די אידישע אויטאָנאָמע געגנט, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז געווען די באַקרוינונג פון דער דאָזיגער גראַנדיעזער רע־קאָנסטרוקטיווער אַרבעט.״ (זע ל. זינגער: „דאָס באַנייטע פאָלק: ציפערן און פאַקטן וועגן די אידן אין פסס״ר.״ אָגיז, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע, 1941, ז׳ 31. מיר האָבן ציטירט לויט דעם היגן אויסלייג און האָבן די איינצלנע פונקטן געשטעלט באַזונדער, כדי דער לייענער זאָל האָבן אַ בעסערן איבערבליק איבער זיי און זיך קענען אַריינטראַכטן אין יעדן איינעם פון זיי.)

ווי מען זעט, באַשטייען אַט די אַלע מאַסמיטלען פון אַט וועלכע דריי גרונט־באַשטרעבונגען: ערשטנס, דורכפירן בירגערלעכע גלייכ־באַרעכטיגונג און אָפּשאַפן אַנטיסעמיטיזם; צווייטנס, אויסבויען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע גלייכבאַרעכטיגונג, און דריטנס, איבער־בויען דעם אידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין.

וועגן דעם דירעקטן יורידישן קאַמף אַנטקעגן דעם אַנטי־סעמיטיזם, האָבן מיר שוין אויבן באַמערקט, אַז ער וואָלט אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם געקאָנט דורכגעפירט ווערן אויך אין אַ פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן שטאַט.

דאָס אייגענע מוזן מיר אויך זאָגן וועגן דער נאַציאָנאַל־קול־טורעלער גלייכבאַרעכטיגונג. אויך זי קאָן דורכגעפירט ווערן, לויט דעם סאָוועטישן מוסטער, אין אַ מאָדערנער, פּראָגרעסיווער, פּרי־וואַט־קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע, איינשליסנדיק אויך קאָנ־צענטרירטע אידישע ישובים און אפילו די אויסטיילונג פון אַ באַ־זונדער טעריטאָריע פאַר דער אידישער באַפעלקערונג, כנוסח בירא־בידזשאַן.

די אויסבילדונג פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער און נאַציאָ־נאַל־פּאָליטישער אידישער גלייכבאַרעכטיגונג אין אַ פּריוואַט־קאַפּי־טאַליסטישן שטאַט וואָלט אויך געקאָנט אַריבערנעמען דעם וויכ־טיגסטן גרונט־פּרינציפּ אויף וועלכן זיי זיינען געבויט אין סאָוועטנ־

לאנד. ער באשטייט דערין, וואס זי איז אבסאלוט פריי פון יעדן צוואנג־נאציאנאליזם און פון יעדער „געטא־איזירונג".

דער פרינציפ פון נאציאנאלער זעלבסט־באשטימונג, וואס ליגט אין דעם יסוד פון אט־דער נאציאנאלער גלייכבארעכטיגונג, ווערט דא אויסגעשפרייט אויף די איינצעלנע גרופעס און קרייזן פון א פאלק, אויף יעדער גרופע לויט איר אייגענעם ווילן.

אויך די „אסימילאטארן" פון דעם אדער יענעם פאלק, — ווי אויך, נאטירלעך, פון דעם אידישן פאלק, — האבן דאס פולע רעכט און די פולע מעגלעכקייט צו פארלאזן זייער אייגענע נאציאנאליטעט און זיך אסימילירן מיט וואסער אנדער נאציאנאליטעט זיי ווילן. דערין קומט צום אויסדרוק דער פולער רעספעקט צו דעם אדער יענעם נאציאנאלן, צי אנטי־נאציאנאלן ווילן ביי דעם אדער יענעם קרייז פון א פאלק. דורך אט דעם רעספעקט, וואס פארזיכערט זייער פרייהייט אויף נאציאנאלער זעלבסט־באשטימונג, שיידט זיך די סאוועטישע נאציאנאלע גלייכבארעכטיגונג אפ פון יענער שיטה אין נאציאנאלער אויטאנאמיע, וואס עס האבן אין דעם צאריסטישן רוסלאנד פארטיידיגט די אנהענגער פון דובנאוו'ס אויטאנאמיזם און פון דעם „סעימיזם", צו וועלכע אויך דער שרייבער פון אט־די שורות האט געהערט.

סיי דער דובנאווישער אויטאנאמיזם, סיי דער סעימיזם זיינען געווען געבויט אויף דעם צוואנג־פרינציפ פון מאיאריטעט. אלע קינדער פון דעם אידישן פאלק געהערן צו דער צענטראליזירטער אידישער אויטאנאמיע. די מאיאריטעט באשטימט, ווי אזוי דאס פאלק זאל לעבן נאציאנאל־קולטורעל (אדער אויך עקאנאמיש, ווי דאס האט פארלאנגט דער „סעימיזם"). די אידישע מינאריטעטן מוזן זיך אונטערווארפן אונטער דעם באשלוס פון דער מאיאריטעט, ווי אין יעדער אויטאנאמיע מיט שטאטלעכע רעכטן.

עס קאן זיין, אז פאר אונזער אידישן פלאק, מיט זיין שוואכן וועלטלעך־נאציאנאלן חוט־השדרה, וואלט גראד אזא שטאלענער קארסעט פון נאציאנאלן צוואנג געווען פון גרויס נוצן. אבער, ערשטנס, מוז יעדער צוואנג אפטרעטן זיין פלאץ דער פרייהייט, וואו דאס איז נאר מעגלעך, און צווייטנס, פאדערט די גערעכטיגקייט, אז אלע ווילנס ביי א פאלק זאלן, אויף וויפיל מעגלעך, זיין גלייכ־

באַרעכטיגט און האָבן די זעלביגע שאַנסן און מעגלעכקייטן אויף צו לעבן לויט דעם אייגענעם פאַרשטאַנד און יושר.

די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג פון דעם אידישן פאָלק גיט סיי דעם אַסימילאַטאָר, סיי דעם „גלות־נאַציאָנאַליסט", סיי דעם „טעריטאָריאַליסט" די מעגלעכקייט צו לעבן לויט זייערע אידעאַלן. זי שטייט דעריבער אַ סך נעענטער צו די פאָדערונגען פון זעלבסט־באַשטימונג, פרייהייט און גערעכטיגקייט, איידער די אויטאָנאָמיסטישע שטרעבונגען פון אַמאָל.

און דערצו: די פּרינציפּן פון אָט דעם גאַנץ־נייעם אופן, ווי דורכצופירן די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג פון דעם אידישן פאָלק, — די פולע גלייכבאַרעכטיגונג פון אַלע זיינע ריכטונגען און קרייזן, לויט זייער אייגענעם ווילן פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג, — אָט די ריין אינעווייניג־פּאָליטישע פּרינציפּן קאָנען דורכגעפירט ווערן אויך אין פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

מען טאָר זיך אָבער אין אָט דעם פּרט ניט ליגן קיין פּייגעלעך אין בוזעם. אפילו ווען זיי זאָלן דורכגעפירט ווערן אין די געזעצן פון אַ פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, וועט דאָס ניט באַדייטן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם ווערט דאָרטן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען. ווייל די וויכטיגסטע וואָרצלען, פון וואַנען דער אַנטיסעמיטיזם ציט זיין יניקה, שטאַמען ניט פון די אָדער יענע יורידישע געזעצן און פאַראָרדענונגען, ניט פון די אָדער יענע אַבערגלויבנס און פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם אידישן פאָלק און פון זיין רעליגיעזן גלויבן.

דער עיקר פון דעם אַנטיסעמיטיזם שטאַמט פון דעם אַבנאָר־מאַלן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין פון אונזער פאָלק, ווי אַ פאָלק. „עוקר מן השורש זיין" אָט דעם „עיקר" קאָן מען נאָר דורך דעם ראַדיקאַלן איבערבוי פון אונזער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור, נאָר ווען מיר וועלן פון אַ הענדלער־פאָלק, פון אַ פאָלק פון פרייע פּראָפעסיעס פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַרבעטאָריש פאָלק ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט.

צי דאָס איז בכלל מעגלעך אין פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע

לענדער, איז אַ שאלה, — און גאָר אַ גרויסע שאלה, — מיט וועלכער מיר קאָנען זיך דאָ ניט פאַרנעמען.

זיכער איז אָבער, אַז ביי אַזאַ איבערבוי מוז גאָר אַ גרויסע ראָלע שפּילן דער ווילן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס זאָלן איבערנעמען זייער אייגענעם גורל אין זייערע אייגענע הענט.

די אידיש־נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג לויט דעם מוסטער פון דער סאָוועטישער וואָלט געוויס אַ סך געהאָלפן צו באַשטימען אָט דעם ווילן פון די פאָלקס־מאַסן אין דער ריכטונג פון אַ ראַדיקאַלן סאָציאַל־עקאָנאָמישן איבערבוי פון אונזער פאָלקס־לעבן. אָט די „סאָציאַלע רעקאָנסטרוקציע" איז דער הויפּט־באַדינג פאַר אויס־וואָרצלען דעם אַנטיסעמיטיזם. אין סאָוועטנלאַנד איז די אידן־פראַגע טאַקע פאַרענטפערט געוואָרן גראָד אַ דאַנק אָט דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן איבערבוי.

דאָס שוין־אויבן דערמאָנטע בוך פון ל. זינגער שטרעבט דער עיקר צו שילדערן אונז ווי אַזוי „די ענדגילטיגע לייזונג פון דער אידן־פראַגע" איז פאָרגעקומען. די הויפּט־ראָלע האָט דערביי גע־שפּילט, זאָגט ער, „די ענדגילטיגע סאָציאַלע רעקאָנסטרוקציע פון די אידישע מאַסן", וואָס איז פאָרגעקומען „אינעם פּעריאָד פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע פונעם לאַנד, פון דער קאָלעק־טיווויזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, אינעם פּעריאָד פון דער זיג־רייכער פאַרווירקלעכונג פון די סטאַלינישע פינף־יאָר פּלענער" (זייט 47).

און אין אַן אַנדער אָרט שרייבט ער: „די פאַרגיכערטע טעמפּן פון דער אויסבילדונג פונעם וואוקס פון דער אידישער אינדוס־טריעלער אַרבעטערשאַפט זיינען געווען דער הויפּט־פאַקטאָר פון דער פּאַקטישער גלייכבאַרעכטיגונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אינעם ראַטנפאַרבאַנד." (ז. 66)

* * *

ל. זינגער'ס בוך מיט זיינע סטאַטיסטישע דאַטן און פאַרגלייכן פאַרדינט דעם גרעסטן אויפמערק פון אונזער פּובליציסטיק. ער גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם אידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בנין אין דער צייט פון איידער די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, שילדערט

דעם שטופּענווייזן איבערבוי און די ענדערונגען אין דער אידישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור אין דער צייט פון דער רעוואָ־לוציע, און שליסט אָפּ מיט אַ קאַפּיטל, וואָס טראָגט די איבער־שריפט: „אַ פריידיגער באַלאַנס".

פון אָט דעם קאַפּיטל וועלן מיר ציטירן אַ פּאָר שטעלן פון דעם סך־הכל. און ווי אַ צוגאָב דערצו וועלן מיר ברענגען איניגע צאָלן, וואָס אילוסטרירן די הויפּט־זאַך אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע.

אָבער פריער מוזן מיר אָפּראַמען פון וועג אַ פּאָרוואורף, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דעם מחבר פון דער סטאַטיסטישער אויס־פאָרשונג.

י. לעשטשינסקי וואַרפט פאָר, אין דעם „אידישן קעמפער", דעם מחבר, אַז ער „פאַרשווייגט" געוויסע צאָלן, וואָס זיינען ניט גינסטיג פאַר דעם פריידיגן באַלאַנס, — דער עיקר צאָלן און דאַטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער סטאַטיסטיק פון דער אידישער קולטור־אַנטוויקלונג און מיט דער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן.

לייענט מען מיט דעם געהעריגן אויפמערק ל. זינגער'ס זייער ווערטפולע שריפט, זעט מען גלייך איין, אַז י. לעשטשינסקי האָט ניט געהאַט קיין ברעקל רעכט צו מאַכן אַזאַ פּאָרוואורף.

גלייך אין זיין פאָרוואָרט דערקלערט דער מחבר, אַז ער שטרעבט „צו באַווייזן, ווי אַזוי אינעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון אויפבויען דעם סאָציאַליזם ביי אונז אין לאַנד און דורך ספּעציעלע מאָס־מיטלען פון דער פּאַרטיי און רעגירונג איז פאַרגעקומען דער פול־קומער איבערבוי פונעם סאָציאַלן באַשטאַנד פונעם סוואָעטישן אידנטום. דער דאָזיגער איבערבוי איז פאַרענדיגט געוואָרן אין צווייטן סטאַלינשן פינפיאָר." די אָנגאַבן ווערן דערפירט ביזן 17טן יאַנואַר, 1939. צום סוף פון דעם פאָרוואָרט ברענגט ער די פולע ליסטע פון יענע ספּעציעלע סטאַטיסטישע ווערק, וועלכע ער האָט באַנוצט, אַ חוץ די מאַטעריאַלן פון דער פאָלקס־ציילונג פון דעם יאָר 1939. גאַנצע 17 פון אַזעלכע הויפּט־ווערק, מיט אַ סך אַ גרעסערע צאָל איינצעלנע בענד, האָט דער מחבר באַנוצט.

אויב מען באַשולדיגט דעם מחבר, אַז ער האָט געוויסע צאָלן

בייזווייליג „פֿאַרשווינגן״, דאַרף מען פֿריער באַווייזן וועלכע צאָלן און וואו זיי געפֿינען זיך אין די אָנגעגעבענע סטאַטיסטישע קוואַלן.

וועגן בירא־בידזשאַן איז ניטאָ קיין ספּעציעלע אונטערזוכונג אין די אָנגעגעבענע קוואַלן. האָט ער געגעבן נאָר דאָס, וואָס ער האָט געפֿונען אין די ספּעציעלע פֿאָרשונגען. דער מחבר באַקלאָגט זיך אַליין אין אַן אָרט, אַז געוויסע סטאַטיסטישע קוואַלן „גיבן אונז צום באַדויערן ניט קיין ידיעות וועגן דעם פּראָפֿעסיאָנעלן באַשטאַנד פֿון די אַרטעל־מיטגלידער (קאָאָפּעראַטיוון) לויט זייער נאַציאָנאַליטעט־אָנגעהעריקייט״. האָט דער מחבר אַליין געמוזט זיך גראָבן אין „ספּעציעלע אָפּקלייב־אויספֿאָרשונגען״, כּדי אויסצו׳חשבונ׳ען דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן צושטאַנד, וואָס האָט אים אינטערעסירט. (זייט 81.)

און וואָס איז שייך „קולטור״, האָט דער מחבר זיך ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט מיט דעם ענין נאָר אין דעם אידישן קאַלינינדאָרפֿער ראַיאָן, און אויך דאָס נאָר — מיט די „קולטורן פֿון ווינטער־ווייץ, קאָרן, זומער־ווייץ, גערשטן און האָבער״... (ז. 95). די גייסטיגע קולטור פֿון דעם אידישן פֿאָלק איז ניט אַריין אין זיין ספּעציעלער אויפֿגאַבע, האָט ער ניט געמאַכט קיין זעלבסטשטענדיגע אויפֿפֿאָרשונגען און האָט געגעבן די באַשרייבונגען אויף דעם סמך פֿון די מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט געהאַט.

מיר זאָגן נאָך אַ מאָל: זיין שווערע באַשולדיגונג האָט י. לעשטשינסקי געטאָרט מאַכן נאָר דעמאָלט, ווען ער וואָלט דורכגענומען די זעלבינע מאַטעריאַלן און וואָלט באַוויזן, וועלכע צאָלן ל. זינגער האָט בייזווייליג „פֿאַרשוויגן״.

לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער מחבר.

אין זיין „שלום״־קאַפּיטל שרייבט ער:

„דער סאָציאַלער „באַלאַנס״ פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג אין פּסס„ר (סאָוועטן־פֿאַרבאַנד—ה. זש.) איז איצט אַזאַ, אַז פֿון איין זייט זייגען אין גאַנצן פֿאַרשוואונדן די ניט־פּראָדוקטיווע, ניט־אַרבעטנדיגע און פּאַראַזיטאַרישע שיכטן פֿון דעם סאָוועטישן אידנטום, פֿון דער צווייטער זייט האָבן צווישן דעם סאָוועטישן אידנטום באַקומען אַן אַבסאָלוטע איבערוואָג די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, ביי אַ מערקבאַרן געוויכט פֿונעם קאָלווירטישן אידישן פּויערטום און קאָאָפּערירנדיגן קוסטאַרנטום (באַלמעלאָכעס—ה. זש.). דער

באַלאַנס, ווי מיר זעען, איז אַ העכסט פריידיגער.

„די סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעקאָנסטרוקציע פון דער אידישער באַפעלקערונג, דער וואוקס פון איר מאַטעריעלן וואוילשטאַנד האָט זיך גינסטיג אָפּגערופן אויפן נאַטירלעכן צוּוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג.״ (זז. 120־121.)

כדי צו האָבן אַ בילד פון אָט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע, ברענגען מיר דאָ נאָך אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע צאָלן.

לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1897,—אונטער דעם צאַריזם,— איז די אידישע באַפעלקערונג געווען סאָציאַל־צונויפגעשטעלט אַזוי:

גרויס־אינדוסטריעלע אַרבעטער	4%
אַרבעטער ביי באַלמעלאָכעס	11%
זעלבסטשטענדיגע באַלמעלאָכעס	18%
פויערים	2.2%(!)
אַנגעשטעלטע, הענדלער, אונטערנעמער און פּערזאָנען פון ניט־באַשטימטע פּראָפעסיעס	64.4%(!)

(זייט 8.)

צוויי מיט צוויי־צענטל פּראָצענט פויערים און פיר און זעכציג מיט פיר־צענטל פּראָצענט אַלערליי אומפּראָדוקטיווע באַשעפטיגונגען!! איינגעלעך: אַ בילד פון אונזער סאָציאַלן צונויפשטעל כמעט אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד.

ווי האָט אָבער אויסגעזען דער צונויפשטעל פון דעם סאָוועטיש־אידישן סאָציאַלן בנין נאָך דער רעקאָנסטרוקציע?

אַרבעטער און אָנגעשטעלטע	71.2%(!)
קאָלווירטניקעס (פויערים, וואָס וואוינען און אַרבעטן אין קאָלעקטיווע באַלעבאַטישקייטן)	5.8%(!)
קאָאָפּערירטע באַלמעלאָכעס	16.1%(!)
ניט־קאָאָפּערירטע באַלמעלאָכעס	4%
פאַרשיידענע	2.9%

(זייט 49.)

ווי מען זעט פון אָט־דער טאַבעלע, זיינען אידן געוואָרן כמעט 100% אַן אַרבעטאַריש פאָלק!

יאָ, ציט אויף! מיר האָבן נאָך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, —

ריכטיגער, זען אַ פּאָר ציפערן, — וועגן די אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע. עס איז אין אונזער פּרעסע שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן די מיינונג, אַז אין תוך האָט זיך אין סאָוועטנלאַנד דער אידישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער בנין גאָר ניט געביטן. ווי מיר זיינען געווען הענדלער, אַזוי זיינען מיר הענדלער פאַרבליבן. נאָר פריער זיינען מיר געווען „סוחרים" אויף דעם אייגענעם חשבון, און איצטער זיינען מיר האַנדלס־אָנגעשטעלטע ביי דעם שטאַט.

אָן ענטפער דערויף גיבן אונז אייניגע טאַבעלן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער „פאַנאַנדערטיילונג פון אידן אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע לויט די וויכטיגסטע צווייגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט און קולטור" (זז. 60 ביז 70). פון דער טאַבעלע אויף זייט 62 דערוויסן מיר זיך, אַז אין האַנדל האָבן זיך אידן באַטייליגט, ווי אָנגעשטעלטע, אין אוקראַינע — 11.6% (עלף מיט זעקס־צענטל פּראָצענט) און אין ווייס־רוסלאַנד — 11.1% (עלף מיט איין־צענטל פּראָצענט). אין אינדוסטריע: אין אוקראַינע 36.2% (זעקס און דרייסיג מיט צוויי־צענטל פּראָצענט), אין ווייס־רוסלאַנד 45.1% (פינף און פערציג מיט איין־צענטל פּראָצענט). די איבעריגע פּראָ־צענטן טיילן זיך פאַנאַנדער אין בויאונג, לאַנדווירטשאַפט, טראַנס־פּאָרט, פאַרבינדונג, קאָמונאַלע ווירטשאַפט, געזעלשאַפטלעכע דער־נערונג, בילדונג, קונסט, געזונט־פאַרהיטונג און אַנשטאַלטן. מיר ברענגען די טאַבעלע פאַר אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, ווייל גראָד אין אָט די צוויי רעפּובליקן האָט געלעבט דער רוב מנין און דער רוב בנין פון אונזער פאָלק.

נאָך אַ פּאָר צאָלן וועגן דער דערגרייכונג אין לאַנדווירטשאַפט און אין דאָרפישער באַפעלקערונג.

מיר האָבן אויבן געזען, ווי קליין עס איז געווען דער פּראָצענט פון פויערים ביי אידן: בסך־הכל צוויי מיט צוויי־צענטל פּראָצענט. אין 1939 אָבער האָט די צאָל פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג אויסגעמאַכט 13% (דרייצן פּראָצענט): 392,500 נפשות, און אין איינעם מיט ביראָ־בידזשאַן ביי אַ 400,000 נפשות. (ז. 39). אין דער צאָל פון אָט די 400 טויזנט דאָרפישע אידן גייען אַריין פינף און צוואַנציג טויזנט (25,000) קאָלווירטישע משפחות.

דער מחבר גלויבט, אַז די צאָל פון די אידישע לאַנדווירטן

האלט זיך אין פארגרעסערן סיי אין ביראָ־בידזשאַן, סיי ביי די צוגעקומענע אידן פון די לימיטראָפישע לענדער.

אָט די אַלע ציפערן און חשבונות גיבן אונז אַ גענוג־קלאָרן באַגריף וועגן דער אידישער סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע. איינצעלנע פּרטים, ווי צום ביישפּיל, די צאָל אידן אין דער שווערער אינדוס־טריע און די צאָל אידן אין די באַלמעלאָכישע קאָאָפּעראַטיוון, זיינען באַזונדערס אינטערעסאַנט. אָבער וועגן זיי מוז מען אָפּשיקן דעם לייענער צו דער שריפט גופא.

דאָס איז דער איצטיגער מעמד, — ריכטיגער, דער פריידיגער און פיל־צוזאָגנדיגער מעמד פון די אידן פון פאַר דעם קריג מיט דייטשלאַנד.

מיר גייען איצט איבער צו דער פערטער און לעצטער פראַגע, וואָס מיר האָבן געדאַרפט באַטראַכטן. די פראַגע איז: וועלכע אויסזיכטן האָט די סאָוועטישע אידנשאַפט אויף דער צוקונפט, ווען די היטלערישע חיילות וועלן פאַרטריבן ווערן פון דעם סאָוועטנ־לאַנד און די חרוב־געוואָרענע אידישע ישובים וועלן ווידער אויפ־געבויט ווערן?

אויך אָט די פראַגע מוזן מיר איצטער פאַרענטפערן, אויף וויפיל דאָס לאָזט זיך טאָן אין די אַלגעמיינסטע שטריכן. אָבער כדי דאָס צו טאָן מוז איך מאַכן אַ קליינע הקדמה, אין וועלכן זין איך קאָן איבערהויפּט רעדן וועגן אַ וועלכער עס איז צוקונפט.

איך זאָג מיך אַלע מאָל אָפּ צו זאָגן נביאות וועגן דער צוקונפט, צי פון דער מענטשהייט, צי פון דעם אָדער יענעם פאָלק, צי פון דער אָדער יענער פאָרם פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, צי פון דעם אָדע ריענעם צווייג פון דעם מענטשלעכן קולטור־בוים, — ווי צ. ב. די צוקונפט פון דעם רעליגיעזן גלויבן.

אַלץ וואָס איך קאָן זאָגן וועגן אַ וועלכער עס איז מענטשלעכער צוקונפט מוז בפירוש טראָגן אַ היפּאָטעטישן כאַראַקטער. די פאָרם, וואָס אַזאַ „נביאות" קאָן אָננעמען, איז אַלע מאָל אַזאַ: „אויב עס וועט געשען אַזוינס און אַזעלכעס, וועט די צוקונפט זייער וואַרשיינ־לעך קאָנען זיין אַזאַ און אַזאַ."

אויך וועגן דער צוקונפט פון דער אידנשאַפט אין סאָוועטנ־לאַנד קאָנען מיר ניט מאַכן קיין אַנדערע פּראָגנאָזן, ווי נאָר ריינ־

היפּאָטעטישע. אויך אָט די נביאות מוז איך שפּייזן מיט „אויבס" פון דעם „אפשר־בוים".

אָבער אויך אָט די „אויבס" קאָנען האָבן אַ באַשטימטן איבעקטיוו־רעאַלן ווערט. מען מוז זיך מיען צו געווינען אַ קלאָרן באַגריף וועגן די „קרעפּטן", אָדער דערשיינונגען, וואָס קאָנען האָבן אַזאַ אָדער אַן אַנדער ווירקונג אויף דעם לויפן פון היסטאָרישע פּאַסירונגען; אויב מעגלעך, דאַרף מען אויך אויפכאַפּן די טענדענץ פון זייער אַנטוויקלונג און אויף דעם סמך פון אָט־דעם, אויף וויפיל מעגלעך אָביעקטיוון מאַטעריאַל אַרויסברענגען די פאַרשיידענע השערות, וואָס די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט דיקטירט אָדער ווייניקסטנס לאָזט צו. מען מוז אָבער דערביי תמיד האָבן אין זינען, אַז דאָס וואָס די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט דיקטירט אָדער לאָזט צו אין איין צייט, קאָן ווערן בטול ומבוטל אין אַן אַנדער צייט.

באַווייזן דערצו ברענגט אונז די געשיכטע פון די לעצטע הונדערט יאָר איבער געגוג. ווייל גראָד אין די לעצטע הונדערט יאָר האָבן זיך גענומען מערן ערנסטע פּרואוון פון דער מענטשהייט אַריינצוקוקן אין דעם „אחורי הפרגוד", אין דעם „הינטערן־פאָר־האַנג" פון די צוקונפטיגע היסטאָרישע פּאַסירונגען. און דאָס רוב פון די מיט זיכערקייט אַרויסגעזאָגטע נביאות זיינען בטל געוואָרן אין אַ לויף פון געשעענישן, וועלכע דער ערנסטער און טיפער דענקער האָט בשום אופן ניט געקאָנט זען אין פאָראויס.

פיל פאָראויסזעאונגען פון קאַרל מאַרקס'ן און פון פרידריך ענגעלס'ן זיינען באמת גלענצנדיג מקוים געוואָרן. אָבער אויך זייער פיל פאָראויסזעאונגען זייערע האָבן געמוזט רעווידירט ווערן, היפּש געאַנדערשט ווערן, אונטער דעם דרוק פון גזעלשאַפטלכע פּראָצעסן און געשיכטלעכע פּאַסירונגען, וועלכע יענע צוויי גרויסע געשיכטס־פילאָסאָפן האָבן ניט געקאָנט נעמען אין באַטראַכט, אָדער ניט געקאָנט אין זייער צייט ריכטיג אָפּשאַצן זייער באַדייט און זייער געשיכטלעך־ווירקנדיגע קראַפט.

און אַזוי איז דאָס מיט אַלע אַנדערע געשיכטס־טעאָרעטישע חשבונות וועגן דער צוקונפט. אַזוי מוז דאָס אויך זיין מיט אונזערע השערות וועגן דער צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק אין סאָוועטנ־לאַנד. מער ווי השערות, ווי די אָדער יענע וואַרשיינלעכקייטן,

אונטער די אָדער יענע מעגלעכע באַדינגונגען, קאָן מען דאָ ניט דערוואַרטן.

אין דער ערשטער ליניע דאַרף אונז אינטערעסירן די צוקונפט פון דעם אידישן אַסימילאַציע־פּראָצעס אין סאָוועטנלאַנד, פאַרבונדן מיט דער צוקונפט פון דעם סאָוועט־לענדערשן אידישן שבט, ווי אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַל־קולטורעלע איינס.

מיר האָבן געזען, אַז דער אופן, ווי עס ווערט אין סאָוועטנלאַנד פאַרענטפערט די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע, שליסט בפירוש ניט אויס די אַסימילאַציע פון אַ וועלכן עס איז פאָלק מיט אַ וועלכן עס איז אַנדער פאָלק אין דעם לאַנד. און עס איז בלי ספק אַ ניט־אָפּצופרעגנדיגער פאַקט, אַז דער אַסימילאַטאָרישער פּראָצעס ביי דעם סאָוועטיש־אידישן פאָלק האָט זיך אין די לעצטע צייטן זייער פאַרשטאַרקט.

אָבער ווי שטאַרק איז ער איצט? — כדי צו ענטפערן אויף אָט־דער פראַגע וואָלט מען באַדאַרפט קאָנען פאַרגלייכן דעם גאַנג און די דערגרייכונגען פון אָט־דעם פּראָצעס אין סאָוועטנלאַנד מיט דעם גאַנג און די דערגרייכונגען זיינע אין די מערב־אייראָפּייאישע און די אַמעריקאַנישע לענדער. אָבער אַזאַ פאַרגלייך איז פון די אידישע פאָרשער ניט געמאַכט געוואָרן. און ווער ווייס, צי עס זיינען פאַראַן זיכערע דאַטן, אויף אויסצואַרבעטן אַזאַ פאַרגלייך.

דאָ מוזן מיר אָנקומען צו השערות אויף דעם סמך פון די וויניגע דאַטן, וואָס זיינען אַלגעמיין באַקאַנט.

אונזער השערה איז, אַז דער אַסימילאַטאָרישער פּראָצעס אין סאָוועטנלאַנד קאָן אין זיין אימפעט און אין זיינע ביז־אַהעריגע דערגרייכונגען גאָר ניט פאַרגליכן ווערן מיט דעם זעלביגן פּראָצעס וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דייטשלאַנד, צי אין פראַנקרייך, וואו די דאָרטיג־איינגעבאָרענע אידישע באַפעלקערונג האָט כמעט אין גאַנצן פאַרלאָרן אַלע בולט'ע סימנים פון אַ קולטורעל און שפּראַכלעך איינגאַרטיגער פאָלקס־גרופּע.

אין וואו וועט דאָס האַלטן מיט דעם ענין, ווען מען זאָל אַריינציען אין פאַרגלייך דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס דאָ אין אונזער אַמעריקע?

איך רעכן, מיר וועלן זיין ניט וייט פון דעם אמת, ווען מיר

זאָלן אָננעמען, אַז אויך דאָ אין די שטאַטן האָט די אַסימילאַציע געווירקט אַ סך שטאַרקער און האָט אירע צילן דערגרייכט אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, איידער דאָס איז געשען אין די סאָוועטן.

די מאָס פון דער אַסימילאַציע איז אויך דאָ, ווי אומעטום, ווען מען רעדט פּאָליטיש און נציאָנאַל־קולטוריש וועגן אַסימי־לאַציע, — די מאָס, זאָג איך, איז די שפּראַך־אַסימילאַציע, דאָס פאַרלירן דעם אייגענעם לשון, דאָס זיך אויסלעבן סיי גייסטיג, סיי טאָג־טעגלעך אין דער שפּראַך פון יענעם פאָלק, מיט וועלכן מען אַסימילירט זיך.

אין די סאָוועטן איז נאָך עד היום די היים־שפּראַך אידיש ביי אַ לפי־ערך אַ סך גרעסערער צאָל אידישע משפּחות, איידער דאָ אין לאַנד. דאָרטן איז די אידישע יוגנט ניט אין אַזאַ מאָס פאַרפרעמדט געוואָרן פון אונזער פאָלק, ווי דאָ אין לאַנד. דאָרטן באַקומט אויך אַ גרעסערער פּראָצענט פון דער יוגנט אַ דערציאונג און בילדונג אין אידיש, איידער דאָ. רוסיש, צי אַן אַנדער ניט־אידישע שפּראַך, האָט זיכער ניט אין אַזאַ קלאָסאַלער מאָס אַרויסגעשטופּט אידיש, ווי דאָס האָט געטאָן ענגליש דאָ אין לאַנד.

און פונדעסטוועגן האָבן מיר דאָך אויך דאָ אין לאַנד ניט פאַרלאָרן ניט די האָפענונג, ניט די מעגלעכקייט צו באַקעמפן דעם היגן אַסימילאַציע־פּראָצעס, ווידער אַריבערצוגעווינען די יוגנט צו דער אידישער שפּראַך־ און קולטור־ספערע. פאַר וואָס זאָלן מיר זיך מייאש זיין אין דעם פּרט בנוגע דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס אין סאָוועטנלאַנד?

געוויס זיינען פאַראַנען געוויסע וויכטיגע אונטערשיידן צווישן די אידישע לעבנס־באַדינגונגען דאָ אין לאַנד און אין די סאָוועטן. אָבער פאַר ביידע לענדער האָבן מיר איין געמיינשאַפטלעכן כלל: אין ביידע, אין זיי קומט פאָר אַ שטילער אַ קאַמף צווישן אַסימילאַ־טאָרישע און נאַציאָנאַל־אויפהאַלטנדיגע טענדענצן. עס קומען פאָר אומבאַוואוסטזיניגע פּראָצעסן פון אַסימילאַציע, און — ווי אַ קעגן־וואָג — אויך אַזוי אומבאַוואוסטזיניגע טענדענצן ניט צו פאַרלאָזן די ספערע פון דעם ריין־אידישן לעבן, די אידישע שפּראַך־ און קולטור־ספערע. אין ביידע לענדער קומען אויך פאָר באַוואוסטזיניגע שטרעבונגען צו פאַרלאָזן דאָס אידישע פאָלק און צו אַסימילירן

זיך מיט אַן אַנדער פֿאָלק און — ווידער ווי אַ קעגן־וואָג — פּונקט אַזוינע באַוואוסטזיניגע שטרעבונגען אָנצוהאַלטן און צו אַנטוויקלען די אייגענע אידישע עקזיסטענץ ווי אַ נאַציאָנאַלע און קולטורעל־שפּראַכלעכע איינס.

דער גורל פֿון דער אַסימילאַציע און פֿון דעם קיום הלאום וועט איןביידע לענדער אָפּהענגען פֿון דעם באַלאַנס פֿון אָט די פֿיר זיך־ראַנגלענדיגע הויפּט־טענדענצן. ער וועט אָפּהענגען דערפֿון, צי ניי־געשאַפֿענע אומשטענדן און פּאַסירונגען וועלן פֿאַרשטאַרקן די צוויי אַסימילאַטאָריש־ווירקנדיגע טענדענצן, אָדער גאָר — די צוויי נאַציאָנאַל־ווירקנדיגע.

ווי שטייט עס מיט אָט־די גרונט־טענדענצן אין סאָוועטנלאַנד פֿאַרגליכן מיט דעם היגן אידישן לעבן?

דער אַסימילאַציע־פּראָצעס ביי אידן אין אַ פֿיל־פֿעלקערלעכן לאַנד הענגט ביז צו אַ גרויסן גראַד אָפּ פֿון דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס ביי די אַנדערע פֿעלקער. שוין אַן אַלט אידיש ווערטל זאָגט, אַז „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי אידלט עס זיך". אין אָט דעם פּרט האָט די אידנשאַפֿט אין סאָוועטנלאַנד אַ נאַציאָנאַל־גינסטיגערע לאַגע, איידער מיר האָבן דאָ אין לאַנד.

די קינדער פֿון די פֿילפֿאַכע פֿעלקער אין די פֿאַראייניגטע שטאַטן ווערן פֿאַרכאַפּט פֿון אַסימילאַטאָרישע שטרעמונגען און שטרעבונגען, ווער אין אַ גרעסערער, ווער אין אַ קלענערער מאָס. זעלטן ווען עס געלינגט אַ וועלכן עס איז אַריינגעוואַנדערטן פֿאָלק פֿון דער ניט־ענגלישער שפּראַך־ספֿערע איינצוואָרצלען, לאָז זיין נאָר אויף אַ געוויסער, לאַנגער און דויערנדיגער צייט, איר אייגענע קולטור און שפּראַך. איידער דעם ערשטן וועלט־קריג האָבן נאָר די ליטווישער געקאָנט אַוועקלייגן גראָד דאָ אין לאַנד די יסודות פֿון זייער אויפֿקומענדיגער שפּראַך־ און קולטור־ספֿערע. די דייטשן, ווידער, ווי אויך דאָס רוב אַנדערע אייראָפּייאישע פֿעלקער, האָבן געגעבן גאָר אַ הויכן קאָעפֿיציענט פֿון שפּראַכלעכער און קולטורעלער אַסימילאַציע. דאָס אייגענע איז אמת אויך פֿאַר אונזער אידיש פֿאָלק.

גאַנץ אַנדערש איז עס אין די סאָוועטן. דאָרטן האָבן אייניגע פֿעלקער, ווי די פּוילן, די אוקראַינער, די אַרמענער און די גרוזינער,

מקדמונים געפירט אַ קאַמף פאַר זייער אייגענער נאַציאָנאַלער עק־זיסטענץ און אַנטוויקלונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס באַדייטנדיגע טיילן פון זייערע אינטעליגענציעס האָבן גראַד מיט גרויס חשק זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער אַסימילאַציע מיט דעם הערשנדיגן גרויס־רוסישן פאָלק.

זינט דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון 1905־1906 זיינען נאָך מער פעלקער צוגעשטאַנען צו דעם קאַמף אַנטקעגן דער גרויס־רוסישער אַסימילאַציע. די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1917 האָט אָט דעם נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס ביי אַלע פעלקער אומגעהויער פאַרשטאַרקט. זי האָט אָפּגעשאַפט דעם גאַנצן בנין פון אַ הערשנדיגער נאַציע און האָט אין דעם יסוד פון דער אינעווייניגסטער פּאָליטיק אַוועקגעלייגט דעם פּרינציפּ פון פעלקער־פאַרברידערונג אין די גרענעצן פון אַבסאָלוטער נאַציאָנאַלער גלייכ־באַרעכטיגונג און זעלבסט־באַשטימונג.

דאָס לעבן פון די ניט־אידישע פעלקער אין די סאָוועטן לאָדט ניט איין דאָס אידישע פאָלק גראַד צו אַסימילאַציע. די רעגירונג גיט יעדן פאָלק די גרעסטע מעגלעכקייטן און די נויטיגע הילף אויפ־צוהאַלטן און צו אַנטוויקלען די אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור.

די אַסימילאַציע הענגט דאָרטן אין גאַנצן אָפּ פון דעם אייגענעם ווילן פון די פעלקער, ניט ווי דאָ אין לאַנד, וואו די אַסימילאַטאָרישע פּראָצעסן האָבן זייערע שפּייזנדיגע וואָרצלען אין דעם גאַנצן ביז־אַהעריגן איינשטעל פון דעם היגן לעבן.

ביי אַלע סאָוועטישע פעלקער האָט דער ווילן צו אַן אייגן־נאַציאָנאַלן לעבן געוואונען די אויבערהאַנט איבער די אַסימי־לאַטאָרישע שטרעבונגען ביי טיילן פון זייערע אינטעליגענציעס.

אָט דער ווילן האָט אָבער ביי דער סאָוועטישער אידנשאַפט ליידער ניט געקאָנט אַרויסטרעטן אַזוי קלאָר און אַזוי שטאַרק, ווי ביי די אַנדערע פעלקער, ווייל ביי דער אידישער אינטעליגענציע זיינען די אַסימילאַטאָרישע שטימונגען געווען אַ סך שטאַרקער, איידער ביי די ניט־אידישע אינטעליגענטע קרייזן.

און נאָך אַ זייער וויכטיגער אומשטאַנד האָט ביז צו דער לעצטער צייט געשטערט דער סאָוועטישער אידנשאַפט קלאָר אַרויס־

צוברענגען און צו אַנטוויקלען אַ פּראָגרעסיוון אידיש־נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין.

די באָלשעוויסטישע אינטעליגענציע ביי אַלע פעלקער האָט אין איר אינעווייניגסטער פאָלקס־פּאָליטיק זיך געמוזט רעכענען מיט דעם נאַציאָנאַלן ווילן פון אירע אַרבעטאַרישע פאָלקס־מאַסן. ווי אַ פאַרטרעטערין פון דער באָלשעוויסטישער פּויערים־אַרבעטער רעפּובליק, האָט די באָלשעוויסטישע אינטעליגענציע געמוזט בויען איר מאַכט אויף דעם ווילן פון די פּויערים און אַרבעטער פון איר פאָלק. לפּחות האָט זי געמוזט שטרעבן דערצו אַריבערצוגעווינען דעם ווילן פון די פּויערים און אַרבעטער לטובת דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

דער ווילן פון די פּויערים און די אַרבעטער איז ביי יעדן אַרבעטאַרישן פאָלק אין לאַנד געווען אַן אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַל־פריינטלעכער. עס האָט דער באָלשעוויסטישער אינטעליגענציע זיך אין די אינטערעסן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע געלוינט צו בויען גראָד אויף דעם אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין פון די אַרבעטאַרישע מאַסן.

נאָך מער: די זעלביגע אינטערעסן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע האָבן דירעקט געפאָדערט אויפצואוועקן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי די אַרבעטאַרישע מאַסן, צו שטאַרקן אים און וואו נויטיג איינצופלאַנצן אים, און צו באַווייזן די פאָלקס־מאַסן,— דער עיקר פון די אָפּגעשטאַנענע און פריער אונטערדריקטע פעלקער, — אַז נאָר אין אַ באָלשעוויסטישער פּויערים־אַרבעטער רעפּובליק קאָנען אָט די מאַסן לעבן און זיך אַנטוויקלען לויט זייער נאַציאָנאַלן ווילן אין פולער ברודערשאַפט מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אָט די אינטערעסן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וואָס האָבן געטריבן די באָלשעוויסטישע ניט־אידישע אינטעליגענציע אין אַ נאַציאָנאַליזירנדיגער ריכטונג, האָבן ניט געהאַט קיין ברעקל פּלאַץ ביי דער באָלשעוויסטישער אינטעליגענציע פון דעם אידישן פאָלק.

דאָס אידישע פאָלק איז ניט געווען קיין פּויערים־אַרבעטער־פאָלק. אונזערע פאָלקס־מאַסן האָבן אין זייער גאָר גרויסער מאַיאָרי־

טעט געהערט צו סאָציאַלע קלאַסן און קרייזן, וואָס זיינען פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פאַר'משפט געוואָרן אויף פאַרשווינדן. מיט דעם ווילן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן האָט די אידישע באָלשעוויסטישע אינטעליגענציע ניט געהאַט וואָס צו רעכענען זיך. האָבן אין איר טעטיגקייט די אַסימילאַטאָרישע, אַנטי־נאַציאָנאַלע טענדענצן ניט געקאָנט געפינען קיין גענוג קרעפטיגע קעגן־ווירקונג מצד די נאַציאָנאַליזירנדיגע טענדענצן.

נאָך מער: גראָד ווייל אָט די נאַציאָנאַליזירנדיגע טענדענצן האָבן זיך געשפּייזט מיט דעם ווילן פון די אידישע ניט־אַרבעטאָרישע פאָלקס־מאַסן, פאַר'משפּט'ע אויף פאַרשווינדן, האָבן די אידישע נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניגע טענדענצן געטראָגן אויף זיך אַ מער אָדער ווייניגער קלאָר אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַל־רעאַקציאָנערן כאַראַקטער.

דאָס האָט אַרויסגערופן דעם שטאַרק־איבערגעטריבנעם אַנטי־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פון דער אידישער באָלשעוויסטישער אינטעליגענציע.

אָט דער אַנטי־נאַציאָנאַליסטישער איינשטעל פון דער אידישער אינטעליגענציע איז זיך לגמרי פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט דעם איינשטעל ביי די אינטעליגענציעס פון די ניט־אידישע פעלקער, פּונקט ווי דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער בנין פון דעם אידישן פאָלק האָט לגמרי ניט געהאַרמאָנירט מיט דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן בוי פון די אַרבעטאָרישע פעלקער אין דעם לאַנד.

עס איז אַ כלל גדול אין דער געשיכטע, אַז יעדער אידייאישער איינשטעל לעבט דאָס רוב אַריבער יענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע וואָרצלען, וואָס רופן אים אַרויס אין לעבן אָדער וואָס העלפן שפּייזן אים. אויך דער איבערגעטריבענער אַנטי־נאַציאָנאַלער איינשטעל פון דער סאָוועטישער אידישער אינטעליגענציע האָט אָנגעהאַלטן זיין ווירקונג אויף דעם אידישן לעבן אפילו נאָך דעם, ווי דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער בנין אונזערער האָט זיך אין גאַנצן איבער־געביטן און אונזער פאָלק איז געוואָרן אַ דורכאויס ריין־אַרבעטאָריש פאָלק.

אָבער אָט די שרייענדיגע דיסהאַרמאָניע צווישן אידייאישן איינשטעל פון דער אינטעליגענציע און דעם נאַציאָנאַלן ווילן פון

די מאַסן האָט ניט געקאָנט אָנהאַלטן לאַנג. ביסלעכווייז האָט דער נאַציאָנאַלער ווילן פון די אַרבעטאַרישע אידישע פאָלקס־מאַסן גע־נומען איינווירקן אויך אויף דער אַסימילאַטאָרישער אידישער אינטעליגענציע.

ווען היטלער׳ס חיילות זיינען אָנגעפאַלן אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער איינשטעל אין לאַנד צעשמעטערט די אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע ביי דעם גאָר גרעסטן טייל פון דער אידישער אינטעליגענציע. ער האָט גע־שטייגערט דעם האַס צו דעם גרעסטן שונא פון אונזער פאָלק, האָט אויפגעוועקט דעם איינגעשלאָפענעם אידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסט־זיין ביי איינע און אָפגעמינטערט דעם פאַר׳חלש׳טן — ביי אַנדערע.

דער רוף פון דער סאָוועטישער אידנשאַפט פון אויגוסט 1941 צו אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט געפאָדערט אַן אַל־וועלטלעכע איינינקייט פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, איז געווען דער קלאָרער אויסדרוק פון אָט דער קאָלאָסאַל־וויכטיגער רעוואָ־לוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין די אידישע מוחות און הערצער.

עס איז ניטאָ קיין גרונט צו זיין אין ספק, אַז אָט דער רוף האָט אָפגעשפּיגלט ניט נאָר דעם אויפגעברויזטן נאַציאָנאַל־געפיל פון די פאָלקס־מאַסן, נאָר אויך דעם אָפגעמינטערטן נאַציאָנאַל־באַוואוסט־זיין פון דער אינטעליגענציע.

דעריבער האָבן מיר אַ רעכט אויך צו האָפן, אַז אויף דעם באָדן פון אָט דעם געשטאַרקטן אידישן נאַציאָנאַל־געפיל און דעם געלייטערטן אידישן נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין, וועלן אויפקומען נאָך אַנדערע נאַציאָנאַל־דערהאַלטנדיגע קרעפטן, וואָס וועלן — אין האַר־מאָניע מיט דעם אַלגעמיינעם איינשטעל ביי די ניט־אידישע פעל־קער — איבערבייטן דעם באַלאַנס פון די זיך ווידערשטרייטנדיגע טענדענצן און געשטאַלטן זיי צו גונסטן פון דעם אידישן „יקום הלאום״, צו גונסטן פון אַ געשטייגערטן ווילן, אויסצונוצן אַלע יענע מעגלעכקייטן און די גאַנצע הילף, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג גיט, כדי צו פאַרזיכערן אויך פאַר אונזער פאָלק סיי זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, סיי זיין אייגענע קולטורעלע אַנטוויקלונג ניט נאָר אין זיינע אויטאָנאָמע ראַיאָנען, נאָר אויך אומעטום איבערן לאַנד,

אין זיין גייסטיג־נאַציאָנאַלער היים, אין דער קולטור־ספערע פון דער אידישער שפּראַך.

צו אָט די אַלע פאָלק־דערהאַלטנדיגע קרעפטן און טענדענצן דאַרפן מיר צורעכענען דעם גורל פון דעם אידישן רעליגיעזן גלויבן, דעם אינטערעס צו דער אידישער געשיכטע, דעם אינטערעס צו די אידישע דערגרייכונגען אויף אַלע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור, דעם אינטערעס צו אַלע צייטן פון אונזער לאַנגן־לאַנגן היס־טאָרישן לעבן. דערצו קומט דער אויפגעוואַכטער אינטערעס צו דעם גורל פון דעם אידישן פאָלק אין די אַנדערע לענדער. און נאָך אייניגע אַנדערע כוחות דאַרפן אַריינגעצויגן ווערן אין חשבון, — כוחות, וואָס קאָנען ווירקן אין דער זעלביגער פאָלק־דערהאַלטנ־דיגער ריכטונג.

אויסצורעכענען זיי אַלע, אָפּשאַצן זייער מעגלעכע צוקונפט ביי דער סאָוועטישער אידנשאַפט, אין פאַרגלייך מיט זייער מעגלעכער צוקונפט אין די אַנדערע וואוין־לענדער אונזערע, וואָלט אונז אַוועק־געפירט צו ווייט.

נאָר אַ פּאָר ווערטער זאָלן דאָ געזאָגט ווערן וועגן דער מעג־לעכער צוקונפט פון דער אידישער רעליגיע ביי דער סאָוועטישער אידנשאַפט.

מיר וועלן דאָ זיכער ניט אויפהויבן די קולטור־פילאָסאָפישע פראַגע, צי רעליגיע איז אַן אייביגער צווייג אין דעם קולטור־בוים פון דער מענטשהייט, אָדער איז אַ היסטאָרישער צווייג, וואָס מוז פאַרשווינדן אין דער צוקונפט. באַמערקן וויל איך נאָר, אַז דער מאַרקסיזם פון מאַרקס׳ן און ענגעלס׳ן האָט געהאַלטן פון דער פּול־סטער טאָלעראַנץ צו דעם רעליגיעזן גלויבן און דעם רעליגיעזן לעבן אפילו אין אַ שטרענג־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. זיי האָבן גע־האַלטן, אַז אונטער דער ווירקונג פון אַ סאָציאַליסטישן לעבן וועט די רעליגיע ביסלעכווייז פאַרשווינדן פון זיך אַליין. דער רעליגיעזער צווייג וועט, אַזוי צו זאָגן, אויפהערן צו ציען זיין יניקה פון דער מענטשלעכער אָפּהענגיגקייט פון די נאַטור־כוחות און פון די געזעל־שאַפטלעכע כוחות, וואָס באַשטימען זיין גורל.

ענגעלס האָט שאַרף געפּאָלעמיזירט אַנטקעגן איגען־דיורינגיען, וואָס האָט געפאָדערט, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע זאָל תיכף

פּאַרווערן יעדן גלויבן אין איבערנאַטירלעכע קרעפטן. (זע ענגעלס׳ פּאָלעמיק אַנטקעגן אים אין דעם „אַנטי־דיורינג״, דריטע אויפלאַגע פון 1894, זז. 342 ביז 344.)

ענגעלס האָט גאַנץ גוט געקאָנט באַגריסן מיט סאַרקאַסטישן שפּאָט דיורינג׳ס „ראַדיקאַלעכץ״ און פאָדערן פולע טאָלעראַנץ צו די רעליגיעזע גלויבנס, ווייל אין דייטשלאַנד האָט שוין פון לאַנג אָן געהערשט די פולסטע פרייהייט צו גלויבן אָדער ניט צו גלויבן אין וואָס איינער האָט געוואָלט. מען דאַרף אָבער ניט אַרויסלאָזן פון אויג, אַז ביי אַלע פעלקער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישן אידישן אָדער קריסטלעכן גלויבן, אַ פאַרבונדענעם מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישער און פּאָליטישער רעאַקציע, האָט די זיך באַפרייטע ראַדיקאַל־דענקענדיגע אינטעליגענציע געמוזט דורכמאַכן אַ פּעריאָד פון „ראַדיקאַלעכץ״, ווי מיר אידן דאָ אין לאַנד האָבן דורכגעמאַכט דעם פּעריאָד פון די אַזוי־גערופענע „יום־כיפּור־בעלער״.

דעם זעלביגן פאַרשאַרפטן קאַמף אַנטקעגן רעליגיע האָבן גע־מוזט דורכמאַכן אַלע באָלשעוויסטישע אינטעליגענציעס פון אַלע סאָוועטישע פעלקער. אויך זיי האָבן ניט געקאָנט וואַרטן ביז די רעליגיע וועט אָפּשטאַרבן מיט איר נאַטירלעכן טויט, ווי דאָס האָט געפאָדערט ענגעלס. זיי האָבן געוואָלט אַראָפּהאַקן דעם רעליגיעזן צווייג דורך אַ געשטייגערטער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע און דורך איינגרענעצן די רעכט פון די רעליגיעז־גלויביגע.

באַזונדערס פאַנאַטישע אָנהענגער פון אָט דער „ראַדיקאַלעכץ״ זיינען געווען צווישן די אידישע באָלשעוויקעס און פריי־דענקער בכלל.

אָבער ביי די אינטעליגענציעס פון די ניט־אידישע פעלקער אין סאָוועטנלאַנד איז אָט דער ראַדיקאַלעכץ־פּעריאָד שוין אַריבער. על־כל־פּנים ווערט פון אַלע זייטן קאָנסטאַטירט, אַז עס האָט זיך ביי זיי איינגעשמעלט אַ סך אַ גרעסערע טאָלעראַנץ צו די רעליגיעזע גלויבנס און רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען, איידער דאָס איז געווען פריער.

די דערקלערונג דערפון ליגט ווידער אויך אין דעם אומשטאַנד, וואָס די באָלשעוויסטישע אינטעליגענציעס האָבן אין די אינטערעסן

פון דער סאָציאַליסטישער פויערים־אַרבעטער־רעפּובליק זיך געמוזט רעכענען מיט די ווילנס פון די אַרבעטאָרישע פאָלקס־מאַסן זייערע און אויסנוצן אַלע לעבנס־פאָרמען צו גונסטן פון דעם סאָציאַליסטישן בוי.

האָבן מיר גענוג גרונט צו רעכענען און צו דערוואַרטן, אַז די זעלביגע געשטייגערטע טאָלעראַנץ צו דעם רעליגיעזן גלויבן און לעבן וועט אַריינדרינגען אויך אין די קרייזן פון דער אידישער באָלשעוויסטישער אינטעליגענציע. סימנים פון אַזאַ אַריינדרינג קאָן מען שוין איצטער קאָנסטאַטירן.

אָט די טאָלעראַנץ וועט ניט נאָר נאָך מער צובינדן די אידישע אַרבעטאָרישע מאַסן צו דעם סאָוועטישן רעזשים, נאָר וועט אויך פון איר זייט העלפן פאַרענדערן דעם באַלאַנס פון די פאַרשיידענע טענדענצן לטובת דער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג פון דעם אידישן פאָלק און לטובת דער אייגענער אַנטוויקלונג פון זיין קולטורעלן לעבן.

* * *

ציען מיר דעם סך־הכל פון דעם ביז אַהער געזאָגטן, קומען מיר צו דעם שלום, אַז די סאָוועטישע אידנשאַפט האָט אַ רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז דער ענטפער, וואָס די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט געפונען פאַר דער אידן־פראַגע, זאָל ווערן דער פירנדיגער שטערן פאַר אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט אין זייער קאַמף אַנטקעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר אַן אייגענער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג.

דער ראַדיקאַלער איבערבוי פון דער אידישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור, — די פאַרוואַנדלונג אין אַ ריין אַרבעטאָריש פאָלק;

דער געשטייגערטער וואוילזיין פון די גרויסע אידישע פאָלקס־מאַסן;

די אומגעהויערע מעגלעכקייטן פאַר דעם אויסבוי פון אייגענע קאָנצענטרירטע אידישע ישובים, אויטאָנאָמע ראַיאָנען און אַן אויטאָנאָמען אידישן לאַנד;

די רייכע מעגלעכקייטן אויסצובילדן אַן אייגענעם אידישן לעבן

און אייגענע אידישע קולטור־אנשטאלטן אויף דעם חשבון פון דעם לאנד;

דער געשטייגערטער אידיש־נאציאנאלער געפיל און אידיש־נאציאנאלער באוואוסטזיין;

די גלענצנדיגע אויסזיכטן אויף א געזיכערטער נאציאנאל־אידישער עקזיסטענץ און אויף אן אייגענער קולטורעלער אנטוויק־לונג, — אויב אזא עקזיסטענץ און אנטוויקלונג זאלן ליגן אין דעם ווילן פון דעם אידישן פאלק, —

דאס אלץ גיט דער סאוועטישער אידנשאפט, — דעם ערשט־גרעסטן אדער צווייט־גרעסטן אידישן קיבוץ, — דאס רעכט ארויס־צושטעלן איר קאנדידאטור צו ווערן א פירנדיגע מאכט אין דעם לעבן און דעם שטרעבן פון דעם גאנצן אידישן פאלק איבער גאר דער וועלט, —

דער עיקר אבער צו ווערן א פירנדיגע מאכט ביי אלע פרא־גרעסיווע קרייזן פון אונזער פאלק.

די ענגסטע פארבינדונג פון די פראגרעסיווע קרייזן פון דער אמעריקאנער אידנשאפט מיט דער אידנשאפט פון די סאוועטן ליגט דעריבער אין די ריכטיג־פארשטאנענע עקאנאמישע, סאציאלע און פראגרעסיוו־נאציאנאלע לעבנס־נויטן פון אונזער פאלק און אין די אינטערעסן פון אונזער אידישן קאמף אומעטום פאר אונזער פולער נאציאנאלער און סאציאלער באפרייאונג.

ווערט אַ מיטגליד אין „איקאָר״!
ווערט אַ לייענער פון דעם זשורנאַל
„ניילעבן״!

● אין דעם זשורנאַל „ניילעבן״ באַטייליגן זיך שרייבער, זשורנאַליסטן, דיכטער, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער פון גאָר דער וועלט. דער זשורנאַל האָט אַן ענגלישע אָפּטיילונג.

● „ניילעבן״, חודש־זשורנאַל — אַרויסגעגעבן פון דער „איקאָר״־געזעלשאַפט, צו פאַרשפּרייטן אינפאָרמאַציע וועגן דעם עקאָנאָמישן, קולטורעלן און סאָציאַלן מצב פון אידן איבער דער וועלט.

●

יערלעכער סובסקריפּשאָן־אָפּצאָל פאַר „ניילעבן״ $1.00

מיט מיטגלידערשאַפט אין „איקאָר״, $1.50

ISBN:0-657-04967-0

New York, 3, N. Y.